Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 30 גראשען | היינט 24 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 146 | Łódź, Piątek, 24 czerwca 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, כ׳ סיון תרצ״ב | № 146

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

נאך קורצע ליידען איז געשטארבען מיין הייסגעליבטע פרוי, אונזער טייערע און אונפערגעסליכע מוטער, שוועסטער, שוועגעריז און טאנטע

## נ. ע. זעלדע אשת ר׳ נח נ״י וויינבערג
## (געבוירענע עליאשעוויטש)

### איז עלטער פון 39 יאהר.

די לויה קומט פאר היינט, פרייטאג, דעם 24. יוני 1932, פינקטליך 12 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז, פיעטריקאווער 38.
וועגען וואס עס טיילען מיט איז גרויס צער

## די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

9335

## פארק לאנגובעק — פארק לאנגובעק

(לאנגערס פארק) — צופאהר מיטן ראדאגאשטשער טראמוויי

מארגען, שבת, דעם 25-טען יובלי ה. י. 2 באכמיטאג קומט פאר

## א גרויסע גארטען-פערוויילונג

פראגראם: קאנצערט-טייל אויסגעפירט דורכן „שטערן״-ארקעסטער. אויפטריט פון ארטיסטען. פראנצויזישע פאסטס. בענגאלישע פייערן. כינעזישער קיאסק. א ספעציעלע עסטראדע צום טאנצען. קארוזעלע. פערשידענע פרעהליכע סורפריזען און אטראקציעס. אייגענער בילינער בופעט. — בילעטען צו 75 גראשען (פאר קינדער און שילער 50 גר.) צו בעקומען אין די פראפ. פעראיינען בושצושינער 5 און ב. יאסעלעוויטש 16 און אין דער באראכאוו-ביבליאטעק, אל. קאשטשושקי 9 און ביים אריינגאנג ביי דער קאסע פון פארק

## איבעראשענד נייעס פאר אלע לאדזער לעטניקעס!

אויב איהר ווילט א גוט געשמאק און כשר מיטאג מיט היהן און געבזענס, טא אײלט אלע אין ניי-רעמאנטירטען ערשטקלאסיגען און כשר׳ן רעסטאראן

## A’la Aschinger

פעטריקאווער 30, טעל. 205-91

וואו איהר בעקומט דאס בעסטע און געשמאק פולסטע מיטאג מיט היהן און גענזענס נור פאר 1.75 זל.

סאלידע בעדינונג. געבעקס פריי. פון 7 א זייגער פריה בעקומט מען טעגליך די בעסטע יארסקע פריהשטיקען און אווענדברויטען נור פאר 1 זל.

מיטאג כמעט בחנם!

## פיש-הענדלער!

מאנטאג, דעם 27-טען ד. ח. 7 א זייגער אין אווענד קומט פאר אין לאקאל זשעלאזנא 10a א וויכטיגע

## פאר-פערזאמלונג

מיט פאלגענדער טאג-ארדנונג: 1) שטייערן-פראגע; 2) מסחר; 3) גרינדען א קאאפעראטיוו. רעפערירען די פראגען וועלען אדוו. וויצמאן, ראטמאן כארי און אנד. — מיר בעטען אלע פיש-סוחרים, מיטגלידער און נישט-מיטגלידער צאהלרייך צו ערשיינען.

די פערוואלטונג פון הלייןפישהענדלער-פעראיין
פאמארסקא 15. 3933

## צו אלע דאמען-מאגאזין-שניידער-מייסטער אין לאדז.

דינסטאג, דעם 28 יוני 1932, פונקט 5 אווענד קומט פאר אין פעראיינס-לאקאל, פאמארסקא 53

## א גרויסע און דרינגענדע פערזאמלונג

פון אלע מיטגלידער. אפילו די וואס געפינען זיך אויף זומער-וואוינונגען מוזען זיך אונבעדינגט שטעלן, ווייל די פערזאמלונג האט צו בעהאנדלען א רייע פאר אונזער פאך דרינגענדע פראגען, וואס האבען א שייכות צו אונזער ווייטערדיגער עקזיסטענץ.

די פערוואלטונג
פון יודישען פראפעסיאנעלען מאגאזין-שניידער-מייסטער-פעראיין אין לאדז. פאמארסקא 53
3824

נאך קורצע שווערע ליידען איז געשטארבען אין עלטער פון 39 יאהר

## נ״ע זעלדע וויינבערג

פרוי פון אונזער געעהרטען מיטגליד נח-וויינבערג.

צו דער לויה, וועלכע קומט פאר היינט, פרייטאג ד. 24 יוני 1932 פינקטליך 12 בייטאג פון טרויער-הויז פיעטריקאווער 38, ווערען אלע מיטגלידער געבעטען צו קומען אפגעבען דער פערשטארבענער דעם לעצטען כבוד.

די פערוואלטונג
פון בעהער-צעך, פילסודסקיעגא 57.
3939

ZASTRZYKI, opatrunki, dyżury

## LIZA NAMIOTÓWNA

Dyplomowana
Higienistka-Pielęgniarka

ALEJA I MAJA 35 front, I piętro. Tel. 145-02.

כשר! וויכטיג! כשר

## נייעס צום זומער-סעזאן!

ווילט איהר זיין געזונד?
ווילט איהר עסען געשמאקע און פרישע מיטאגען, פריהשטיקען און אווענדברויטען?
קומט אלע ווי איינער נור אין דעם גוט-בעקאנטען, היגיענישען, כשר׳ן

## באר „בריסטאל״

פאלודניאווא 4
טעל. 151-74

וואו איהר בעקומט צו יעדער צייט די בעסטע מיטאגען פון 50 גר. מיט אן געפילטע פיש און פערשידענע אווענדברויטען פון 90 גר. און.

פריהשטיקען צו בעקומען פון 7 פריה אן
קומט און איבערצייגט אייך!
געבעקס פריי! סאלידע בעדינונג!
כ׳שיק אפ מיטאגען צו הויזע אהן עקסטרא קאסטען.

די ניי-ערעפענטע

## פערפומעריע BUCHWAJC i ROTENBERG

11 ליסטאפאד 13 (קאנסטאנטינער)

בעזיצט אויף לאגער א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע

## קאסמעטיק

צו צוגענגליכע פרייזען. רעיעלע בעהאנדלונג!

## חודש-בילעטען

אויף אלע סטאציעס צו באהן-פרייזען אהן יעטוועדער צוצאהלונג

קאן מען בעקומען זאפארט אהן פריהערדיגער בעשטעלונג
אין פוילישען רייזע-ביורא

## „ORBIS“

אין הויף Piotrkowska 65 i Nowomiejska 2
אויך בעקומט מען דארט אלע אגדערע באהן-בילעטען צו נאמינאלע פרייזען, אהן יעטוועדער צוצאהלונג. — פאהרפלאן גראטיס.

# א קלאץ-קשיא איז געגעבן




...ענפער בטלנים זיצען און ברעכען זיך די קעפּ איבער דער „האָרבער" קשיא: צי קען אַ טענק שיסען !...

## די לאגע אין לאדז
### איז ליכט פון ציפערן

די לאַגע אין לאָדז פון דער פערגאַנגענער וואָך שטעלט זיך מעהר וועניגער אַזוי פאַר:
קאַנדידאַטען אויף זעלבסטמאָרדען זענען צו־געקומען — — — — — — — — 2,141
רעגולירט די חובות — — — — — 1

צוגעקומענע, וואָס לעבען פון ווינד 91.411
אַוועקגעפאָהרען קיין אויסלאַנד אויף קו־ראַציע — — — — — — — — — 00
אַוועקגעפאָהרען אויף זומער־וואוינונגען, צו־ליב עקסמיסיעס פון די וואוינונגען — 139.560

## שטיקלעך און ברעקלעך
### געפונען אין רעדאַקציע-קאָרב

בעת׳ן אַרעסט פון דעם בעקאַנטען רוצח־ער שילער, האָט ער געזאָגט:
ווי איך זעה, איז דאָס אַלץ זעהר גוט רע־שיסירט געוואָרען.

---

אַ סוחרים־דעלעגאַציע, האָט פערזיכערט דעם האַנדעלס־מיניסטער, אַז דאָס סוחר׳טום איז זעהר ...אַט געשייגט.
— צו דער רעגירונג? — האָט דער מיניסטער געפרעגט.
— ניין — צו די בעלי־חובות.

---

ווי אַזוי קען גוט זיין אין לאַנד, אַז ס׳איז נישטאָ קיין שלום צווישען דער מיליטער־מאַכט מיט דער קאָמונאַלער מאַכט, די קאָמונאַלע מאַכט לאָזט אַרויס פלאַקאַטען און אַגיטירט „גאָטאָיטשע נאַ גאַזשע", און די מיליטער־מאַכט אָרדענט גאָר איין אַ „טידזשען פשעטשיוו גאַזאָווי".

## ווי אזוי געווינט מען א מאן?
### אַ לאָטעריע פאר אלטע מעדלעך, גרישות און אלמנות
#### (בריף צום „קונדס")

דער „קונדס" האָט דערהאַלטען אַ בריף פון לעזער, וועלכען מיר געבען איבער כמעט ...ערטלעך:

ליבער רעדאַקטאָר פון „קונדס".

איך, אונטערגעשריבענער בין אַ בחור צווי־שען 25 און 55 יאָהר. איך האָב בדעה חתונה צו האָבען בין איך געפאַלען אויף אַ פלאַן ווי אַזוי כ׳זאָל אַפילו ביים איצטיגען קריזיס בעקומען אַ לייטי־שען נדן אויף אַ זעהר פשוטען אופן: כ׳וויל איינאָרדנען אַ לאָטעריע, און אַרויסלאָזען 30 טויזענד בילעטען צו 2 זל. די בילעטען וועלען פערקויפט ווערען נאָר כלה־מעדלעך, יונגע גרישות אָדער אלמנות וועלכער לאָס ס׳וועט אַרויסגעצויגען ווע...ן, גע־ווינט... דעם פראָיעקט־געבער אַליין.
אַזעלכע ציהונגען קענען געמאַכט ווערען 3 ביז 4 מאָל אַ יאָהר אַזוי אַרום וועלען מיט דער צייט אַ סך אַלטע מיידען קומען צו מענער פאַר אַ שפּאָט ביליגען פרייז פון 2 זל. אַ שטיק.
נו ווי געפעלט אייך, ליבער רעדאַקטאָר, מיין פלאַן?

מיט אַלט־בחור׳שען גרוס
נתן בטע וואַסערקאָפּ פון לאָדז

---

בעמ. פון „קונדס".
דעם פראָיעקט־געבער, וואָלטען מיר גלייכ־צייטיג געראַטען, צו עפענען 2 צענטראַל־קאָלעק־טורען; איינע אין „מושב זקנים", און אַ צווייטע אין דער געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטניש.

=:§:=

## זרח ביים אַדוואָקאַט
### בעסער געזאָגט ווי געמיינט

זר.ז „כוח־געהער" קומט אַריין צו אַ היגען אַדוואָקאַט זיך משאל־עצה זיין וועגען זיינעם ענין.
— אויב איהר ווילט הער׳ען אַ מענשליכע עצה, זאָלט איהר בעסער אָפּהאַקען — דאָס שמעקט מיט קרימינאַל.
— איך פרעג דאָך אייך — האָט זרח גע־ענטפערט — נישט אַלס מענש, נאָר אַלס אַדוואָ־קאַט !..

---

## ס׳וועט קומען א צייט
### געשפרעך צווישען אנ׳אפּטימיסט און אַ פּעסימיסט

אָפּטימיסט: איך בין טיף איבערצייגט, אַז ס׳וועט קומען אַ צייט, ווען ס׳וועט אינגאַנצען נישט זיין קיין פּראָטעסטירטע וועקסלען.

פּעסימיסט: ס׳איז מעגליך, אָבער דאַן, ווען די סוחרים וועלען שוין נישט האָבען קיין געלד אויף וועקסעל־בלאַנקעס.

---

## די מעשה איז נישט גלאַטיג
### ווער אין לאָדז איז איצט פערדעכטיג?

דו ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגען? אונ־זער נייער סובלאָקאַטאָר איז עפּעס אַ פערדעכטי־גער פערשוין.
פון וואַנען דרינגסטו דאָס?
בעכטען האָב איך ביי איהם געזעהען אַ ... צען הונדערטער — אין די היינטיגע צייטען...

---

# דער קונדס

הומאָר ● סאַטירע ●

● צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק

ביילאַגע צום נייעם פאָלקסבלאַט נומער 146 — פרייטאג, דעם 24 יוני 1932

## „קרבנות" פון קריזיס...



גנב (צום צווייטען): כ׳זאָג דיר וואָלאָדעק, ס׳שטעלט זיך אַ שווערער דאַטשע-סעזאָן. די ליעטניקעס זענען סאַמע פּענטאַקעס מיט „לופטיגע" קעשענעס...



אויבען רעכטס: די אַרבייטען ביים געוואַלטיגען הור־בער־דאַם אין אַמעריקא אויפ'ן טייך אַריזאָנאַ.



אינדערמיט רעכטס: דער משוגענער לודוויג שעס האָט ערמאָרדעט זיין מוטער, האָט איהר אָפּגעשני־טען די הענד און אין אַ פּאַקעט געשיקט צום פראַנצויזישען אמבאסאדאר אין בערלין.



אינדערמיט לינקס: די באַפּאָלגערין פון דער הי־מאָטי — די שפּאַנישע מייכטאַטלעטין סמאַאַקא שימפּאַ.



אונטען רעכטס: דער אַרבייטער יאַקאָבס האָט זיך היגטער בערלין אויסגעבויט אַ קליינער אָבסער־וואַטאָריע.

## א פרעכטיגער זומער - פּייזאזש



אונטען אינדערמיט: ע'לויבט די נאַציאָנאַל־סאָציאַלי־סטען צו בענוצען דעם ראַדיאָ — איינער פון היט־לערס מיטאַרבייטער גענעראַל שטראַסער ביים ראַדיאָ מיקראָפאָן.



אונטען לינקס: אין לאַוכא, ביי באומבורג איז גע־עפענט געוואָרען אַ גלאָקען־מוזעאום.





אויבען לינקס: אַנ'אויטאָ אין דער פאָרם פון אַ צעפּעליז איז אויסגעבויט געוואָרען אין אַמעריקא.



אונטען: אַ בריפמאַרקע פון דער ליליפוטען־רעפּו־בליק סאַן מאַרינאָ (מיטעל־איטאַליען)



אינדערמיט רעכטס: דער באַהן־פערברעכער מאַטוש־קאָ האָט בעקומען זעקס יאָהר שווערע תפיסה.





אויבן רעכטס : עקסקייזער ווילהעלם (צווייטער פון רעכטס) און זיין פרוי אין קוראָרט זאַנדוואָאָרט.



אויבן אינדערמיט: פאָן פאַסען פאַר'ן אָפּפאָהרען קיין לאָזאַנאָ אויף אַן אויזיטענץ ביי הינדענבורגן.

אונטען: די דריי בעסטע רעפּרעזענטאַנטקעס פון דייטשען ספאָרט אויף דער אָלימפּיאַדע אין לאָס־אַנדזשעלעס. 1) הע'ענע מייער (שפּ־־ען); 2) עלען ברוימילער (שפּיז־װאַרפען); 3) גרעטע הוילביין דיסק־וואַרפען.











אויבן לינקס: אין דער בערלינער אוניווערזיטעט קליניק ווערן געמאַכט ערפאָלגרייכע עקספּערימענטן פון היילען פערשידענע קראַנקהייטען דורך קורצע כוואַליעס.

אונטען אינדערמיט: אַ הויז אינגאַנצען פון שטאָהל. אויסגעשטעלט אויף דער בערלינער אויסשטעלונג „זון, לופט און הויז פאַר יעדען"

אונטען: דער שוועדישער טראָן־פאָלגער גוסטאַוו אַדאָלף האָט זיך פערלאָבט מיט אַ דייטשער פרינצעסין פון זאַקסען קאָבורג.



אונטען לינקס: אַ דענקמאָל פאַר די באַרמהערציגע שוועסטערען, וועלכע זענען געפאַלען אין קריג, איז געשטעלט געוואָרען אין בערלין.





דער פראַנצויזישער פרעזידענט לעברון צווישן דאָרפס־לייט.

